15 און מיר געפינען זיך אויך ווי פאַלשע עדות פון ג־ט;
ווייל מיר האָבן עדות געזאָגט קעגן ג־ט, אַז ער האָט
אויפגעוועקט דעם משיח; וועמען ער האָט נישט
אויפגעוועקט, אויב די טויטע וועלן טאַקע נישט
16 אויפשטיין. וואָרום אויב די טויטע וועלן נישט
אויפשטיין, איז אויך משיח נישט אויפגעשטאַנען;
17 און אויב משיח איז נישט אויפגעשטאַנען, איז אייער
אמונה אָן אַ זין; און איר זענט נאָך אין אייערע
18 זינד. אין דעם פאַל זענען אַפילו די איינגעשלאָפענע
19 אין דעם משיח פאַרלוירן געוואָרן. אויב מיר האָבן
געזעצט אונזער האָפענונג אויף דעם משיח בלויז
אויף דעם דאָזיקן לעבן, זענען מיר די עלנטסטע פון
אַלע מענטשן.
20 איצט אָבער איז משיח יאָ אויפגעשטאַנען פון
די טויטע, אַלס די ראשית בכורים פון די איינ־
21 געשלאָפענע. וואָרום ווי דער טויט איז געקומען
דורך אַ מענטשן, אַזוי איז אויך תחית המתים דורך
22 אַ מענטשן. וואָרום ווי אין אדם (הראשון) שטאַרבן
אַלע, אַזוי וועלן אויך אין דעם משיח אַלע לעבעדיק
23 געמאַכט ווערן. און יעדער איינער אין זיין סדר:
משיח אַלס ערשטלינג, דאַן די, וועלכע זענען
24 דעם משיחס, ביי זיין קומען. נאָך דעם דער קץ,
ווען ער וועט איבערגעבן דאָס קעניגרייך צו
ג־ט דעם פאָטער; ווען ער וועט בטל מאַכן
יעדע ממשלה און יעדע הערשאַפט און מאַכט.
25 וואָרום ער דאַרף קעניגן, ביז ער וועט לייגן אַלע
26 זיינע פיינט אונטער זיינע פיס. (תהלים קי, א׳) דער
לעצטער שונא אָפּגעשאַפט צו ווערן, איז דער טויט.
27 וואָרום אַלץ האָט ער געלייגט אונטער זיינע
פיס. און ווען ער זאָגט, אַז אַלץ איז געלייגט, איז
קלאָר, אַז עס איז מיט דעם אויסנאַם פון אים,